# פראטאקאל נומער 79

21-12-1939

חײם-לײב ד.
24 יאר אלט
מאנטער בײ וועבער-שטולן
פאביאניץ
איצט

---

דאס ערשטע מאל בין איך ארויס פון פאביאניץ דעם 5-טן סעפטעמבער 1939 בײנאכט, פון דינסטאג אויף מיטוואך, דערגאנגען ביז ווארשע, געקומען אַרײַן פרײטאג, דעם 8-טן אינדערפרי.

כ'בין דערבײ פארבײגעגאנגען לאדזש, סטריקעוו, גלאוונע, לאוויטש, סאכאטשעוו, גראדזשיסק.

אין ווארשע האב איך פארבראכט פון פרײטאג דעם 8-טן סעפטעמבער ביז זונטאג, דעם 17-טן. זונטאג דעם 17-טן בין איך ארויס פון ווארשע, דורך זשע-ליבאזש, פּושטשע קעמפינאוסקע, סאכאטשעוו, אלעקסאנדראוועק, באלימאוו, לאוויטש, גלאוונע, סטריקאוו, לאדזש און אנגעקומען צוריק קײן פאביאניץ-דעם 24-טן סעפט.

ס'איז געווען אין פאביאניץ אין דער נאכט פון 5-טן אויפן 6-טן סעפט. איך מיט נאך אײנעם האבן געהאט דינסט ווי דיזשורירער פון דעם הויף, ווו כ'האב געוווינט. מיר האבן באמערקט א גרויסע באוועגונג פון מיליטער פון לאסקער זײט אין דער ריכטונג פון לאדזש. א פוילישע זעלנער, וועלכער איז צופעליק געקומען צו א ײדישן בעקער, האט דערצײלט, אז דער דײטש רוקט זיך אן און איז נאנט פון אונזער שטאט, אז פיעטרקאוו-טריבונאלער (עטלעכע צענטליק קילאמעטער פון פאביאניץ) איז שוין דורכן דײטש פארנומען.

אין שטאט איז שוין די פאליצײ נישט געווען, אויך די פײער-לעשער זײנען אוועק, אויך זײער פיל ציווילע האבן זיך פון פריער שוין ארויסגעצויגן, און אין דער נאכט האט אנגעהויבן מאסנוויז צו פארלאזן די שטאט כמעט די גאנצע באפעלקערונג (סײ ײדן, סײ פאליאקן). געבליבן זײנען נאר אלטע, שוואכע, און פרויען (פיל פרויען זײנען אויך אוועק). געגאנגען איז מען לרוב צופוס, די רײכערע

האבן זיך געדונגען פורלעך.מיטגענומען מיט זיך האט דער פטוטער עולם,דער
ניטט פארמעגלעכער,כמעט גארניטט.מ׳איז געגאנגען ווי מע שטייט און גייט.
אויך איך האב זיך דאן,ארום 4 א זייגער פארטאג,צופוס געלאזן אין וועג.

ביז מיין אוועקגיין פון שטאט איז זי אפאר מאל באמבארדירט געווארן
דורך דייטשע עראפלאנען,אבער קיין גאר גרויסע היזיקות זענען ניטט געווען.
א באמבע איז געפאלן אויף קאנסטאנטינער גאס און אויף מידאנער גאס.עס זע
זענען געווען אפאר מענטשלעכע קרבנות,אויף קאנסטאנטינער גאס זענען דער-
הרגעט געווארן אפאר יידישע קינדער פון וולוינער פליטים און איין יידיש
קינד א״פאביאניצער.

קיין לאדזש בין איך געקומען מיטוואך דעם 6-טן סעפטעמבער אינ-
דערפרי און געווען אין שטאט קארגע 2 שעה.כ׳בין אריין צו מיינעם א ~~פריינד~~
פעטער,אבער כ׳האב אים שוין ניטט געטראפן,וויל ער איז,ווי זייער פיל אנד
דערע לאדזשער,אוועק פון שטאט.טייל לאדזשער זענען אוועק דורך בערזשין(בזשע-
זשין ביי לאדזש)און טייל דורך סטריקעווע.איך בין אוועק דורך סטריקעווע.

אין משך פון דעם מיטוואכדיקן טאג בין איך געווען אין סטריקעווע,
גלאוונע און אין אוונט אנגעקומען קיין לוויוויטש.

ווי סטריקעווע און גלאוונע האבן אויסגעזען,ווייס איך ניטט,וויל
מיר האבן די שטעטלעך אויסגעמיטן(מיר זענען געגאנגען מיטן שאסיי,און דער
שאסיי גייט ניטט דירעקט דורכן שטעטל).לוויוויטש האט געברענט,אינגאנצן גע-
שטאנען אין פלאמען,ארויסגערופענע דורך די דייטשע צינד-באמבעס.די באפעל-
קערונג אין שטאט איז געלאפן.

איך מיט נאך א חבר האבן אין לוויוויטש געטראפן א פויערישע פורל,
וואס איז געפארן מיט פאליציאנטן טאבאר.מיר זענען זיך מיט אים מושווה גע-
ווארן 10 גילדן,ער זאל אונז פירן קיין ווארשע.א געפארן מיט אונז אפאר קי-
לאמעטער,האט דער פויער אונז אראפגעווארפן פון פורל,דאס געלט ניטט אומ-
געקערט.מיר האבן זיך צוריקגעקערט קיין לוויוויטש.הינטער דער שטאט זענען
מיר אריין אין א ליידיק הויז פון א פויער(די באלאבאטים זענען געווען אנט-
לאפן),געטראפן א קאזעסקע,דארט האב איך מיטן חבר זיך צוגעשפארט שלאפן.אפ-
געשלאפן אזוי ביז 12 בייטאג,זענען מיר דעמאלט ווידער אוועק אין וועג,אין
דער ריכטונג צו סאכאטשעוו.

קיין סאכאטשעוו זענען מיר אנגעקומען דאנערשטאג,דעם 7-טן סעפט.

סעפטעמבער פארנאכט.

אין סאכאטשעוו האט דאן געברענט דער שפיטאל פאר פרויען און אנדערע פונקטן. אויך אין וואלד ארום שטאט זענען געווען גרויס שריפות פון די צינד-באמבעס, וואס זענען דארט געווארפן געווארן פון דײטשע עראפלאנען.

אויפן וועג האבן מיר געטראפן א פוילישן מיליטערישן טאבאר. מיר האבן א זעלנער (אן אוקראינער) געגעבן פאמידארן, האט ער אונז געגעבן פאפיראסן (עטלעכע פעקלעך) און האט אונז געפירט ביז גראדזשיסק.

אין גראדזשיסק איז שוין א גרויסער טײל פון דער ייִדישער באפעלקערונג ניטא געווען אין שטאט. מיר האבן כסדר געטראטן אויף גלאז-שטיקער פון די אויסגעבראכענע שויבן. מיר זענען ארײן צו א ייִדישן בעקער, ס'איז געווען פון די געצײלטע ייִדישע משפחות, וועלכע זענען נאך אין שטאט געווען. איך האב גע-קויפט א קילא ברויט. א קלײנעם טײל פון ברויט האב איך אוועקגעגעבן א פוילישן זעלנער, ער זאל מיך מיטנעמען ביז ווארשע (מײן חבר האב איך אין וועג צווישן סאכאטשעוו-גראדזשיסק פארלוירן). מיטן זעלנער בין איך מיטגעפארן, ביז וואנען ס'האט אנגעהויבן צו טאגן. פאר ווארשע האט ער מיך פון פארל אראפגעבעטן.

כ'בין געגאנגען א 14 קילאמעטער צופוס און ארום 10 אינדערפרי אנגעקומען קײן ווארשע, אויף וואלסקע גאס 84, ווו א דארט וווינענדיקער ייִד האט מיך ארײנגעבעטן, געגעבן מיר און נאך אנדערע גײערס ארומצווואשן זיך, געקאכט פאר אונז עסן און דערלויבט אונז צוזשפארן זיך. כ'בין דארט אפאר שעה געשלאפן.

די ערשטע נאכט האב איך גענעכטיקט אין א שוץ-גרוב אין הויף פון דער ברויערײ האברבוש אין שילע אויף גזשיבאווסקע גאס 33. נאכדעם האט מיך א חבר פון, פאביאנלץ גאלדבערג, א מיטגליד פון "בונד", אוועקגעפירט אויף טווארדע גאס 4, אין א קהלה-בנין, ווו ס'איז געווען א שול. דארט האבן גענעכטיקט אפאר הונ-דערט פליטים פון לאדזש, וולוין, [illegible] פיעטרקאוו, סאכאטשעוו א.א.וו.

געגעסן האבן מיר אין די טויערן, בײ די באשפײזונגס-פונקטן פאר די פליטים: לרוב האבן עס אײנגעארדנט פון אײגענער איניציאטיוו די לאקאטארן פון די געגעבענע הײזער.

דאס לעבן אין ווארשע אין די דאזיקע טעג איז געווען א גיהנום. פראדוקטן האט מען [illegible] זײער ווײניק באקומען. טײל פראדוקטן (צבש. הערינג) איז געווען לרוב; טײל זענען געווע זײער טײער - א גאנדז פון 5 פונט אויף ראט-

השנה האט געקאכט (פאר די, וואס האבן זיך עס דערלויבט) 80 זלאטעס. נאך ברויט פלעגט מען שטיין לאנג דארפן שטיין אין א ריי און ווארטן. טויזנטער פלעגן שטיין אין רייען נאך ברויט, געבאקט האבן נאר עטלעכע בעקערייען. דייטשע באמבעס זענען געפלויגן איבער די קעפ אן אויפהער. מענטשן זענען בסדר געפאלן פון באמבעס און שראפנעלן.

משה שעראדזקי (פאביאניץ) - א רייכער פאבריקאנט, געוווינט אין פאביאניץ אויף קאפערניק גאס 15, אומגעפער א 30-32 יאר אלט, איז געפאלן אויף גענטע גאס (אין ווארשע), באגראבן האט מען אים אינמיטן גאס. נאכן שליסן דעם וואפנ-שטילשטאנד איז געקומען צו פארן זיין מוטער, און מ'האט אים איבערגעטראגן א אויפן בית-עולם.

ס'האט זיך אנגעהויבן די פארטיידיקונג פון ווארשע. אין שפיץ פון דער פארטיידיקונג איז געשטאנען דער גענעראל טשומא. די ארבעטערשאפט האט זיך אקטיוו באטייליקט אין דעם צוגרייטן די פארטיידיקונג. יעדן טאג פלעגן זיך באווייזן א אין די גאסן אויפרופן און מעלדונגען: אויף פויליש פון פ.פ.ס., אויף יידיש און פויליש - פון "בונד".

די גאסן זענען פול געווארן מיט באריקאדן. אנגעהויבן צו בויען די באריקאדן האט מען זונטאג דעם 10-טן סעפטעמבער. איך האב געארבעט בײַם בויען די באריקאדע אויף וואלסקע גאס, בײַ דער בריק צו וולאכי. דאן האבן עטלעכע דייטשע עראפלאנען געוואלט באמבארדירן די בריק, און ס'איז זיי נישט געלונגען. די זעקס באמבעס, וואס די דייטשע עראפלאנען האבן געווארפן, זענען געפאלן דערנעבן.

באריקאדן זענען געווען אויף אלע גאסן (אויסער מארשאלקאווסקע), גע-בויט האט מען א באריקאדע אויף אזא אופן: אויפגעגראבן אויף 2 מעטער די טיף און 2 מעטער די ברייט די גאס, די ארויסגעווארפענע שטיינער און ערד געשאטן דערנעבן; אויף דעם וואל האט מען נאך ארויפגעווארפן וועגענער, פלאטפארמעס, אויטאס, פאטשקעס, טראמוויי-וואגאנעס (אנגעפולט מיט שטיינער און טויזנטער זעקלעך זאמד), אלטע מעבל-שטיק, די האנדלס-קיאסקן א.א.וו.

דער ערשטער טאג ראש-השנה איז געווען זייער א שלעכטער טאג-ס'איז אנגעקומען אן עסקאדרע פון א 200 דייטשע עראפלאנען און האט באמבארדירט גרויס און קליינע הייזער, אן אונטערשייד - געשאסן אויף די מענטשן אין די ברויט-רייען. אין דעם טאג איז געפאלן די גרעסטע צאל מענטשלעכע קרבנות.

אין יעדן הויז איז געשטאנען פויליש מיליטער. אין אלע שטאטישע גערטנער א
איז געשטאנען ארטילעריע. מיהאט געהיט ווארשע און זייער אפט פלעגן די דייטשע
פליער זיך נישט אומקערן צוריק צו זייערע באזעס. אזוי האב איך געזען, ווי
אויף לעטנע פאס-בים ניעב געריכט-בנין - האט א פוילישער זעניט-הארמאט אראפ-
געשאסן א דייטשן שווערן באמבארדיר-עראפלאן.

שבת, דעם 16-טן, האט זיך אין ווארשע פארשפרייטנא קלאנג, וועלכער איז
באשטעטיקט געווארן דורך אן אפיציעלער מעלדונג אין אלע צייטונגען, אז דאס
פוילישע מיליטער האט צוריק פארנומען לאדזש, און אז די איינוווינער פון
לאדזש און לאדזשער אומגעגנט קענען זיך אומקערן צו זיך אהיים. א וועג דורך
וואנעט מען זאל גיין, איז נישט אנגעגעבן געווארן. די קאמענדאנטור פון פארש -
פידיקן ווארשע האט ארויסגעגעבן געדרוקטע דורכגאנגס-דערלויבענישן (פזשעפוסטקי)
אין וועלכע ס'איז געזאגט געווארן:

דערמיט ווערט דער געגעבענער פערזאן דערלויבט ארויסצוגיין
פון ווארשע און אוועק אין איר וווין-ארט (אנגעגעבן דאס ארט)
אין לאדזער קרייז.

די "פזשעפוסטקעס" פלעגן זיין אונטערגעשריבן דורך דעם שטאט-פרעזידענט

סטאזשינסקי.

איך האב אויך אזא דערלויבעניש באקומען, זונטאג, דעם 17-טן אהיים -
צוגיין, ארויסגענומען דאס דערלויבעניש האב איך אויפן טעאטער-פלאץ אין מאגיס-
טראט. דער מאגיסטראט איז גראד דעמאלט באמבארדירט געווארן.

ארויס פון ווארשע בין איך דורך פראנטשישקאנער גאס, באניפראטן-
גאס און נאכדעם פארבי דער ציטאדעל. דארט זענען געשטאנען עטלעכע צענטליק
הארמאטן און מיליטער, געהיט ווארשע. קיינער פון די פוילישע זעלנער האט מך שווערע
מין נישט פארהאלטן. פארבי זשאליבאזש בין איך אריין אין דער קאמפינאווער
פושטשע. צוזאמען זענען מיר געגאנגען 18 יידן (די איבעריקע 8 זענען געווען
פאביאניצער און 9 לאדזשער) און 138 קריסטן, אלץ פון לאדזש און אומגעגנט.
פון די 156 איז אין וועג ביי א העלפט אומגעקומען (קיין איין ייד
פון די 18 איז נישט געפאלן).

אויפן וועג האבן מיר כסדר געמוזט זיך ווארפן אויף דער ערד, וויל
מיר זענען אריינגעפאלן אין טעטיקייטס-געביט פון דער דייטשער ארטילעריע און
ארעאפלאנען. דייטשע עראפלאנען זענען געפלויגן גאר נידעריק.

<u>פראטאקאל נומער 79, זייט 5</u>

אין יעדן הויז איז געשטאנען פויליש מיליטער. אין אלע שטאטישע גערטנער א איז געשטאנען ארטילעריע. מ'האט געהיט ווארשע און זייער אפט פלעגן די דייטשע פליער זיך נישט אומקערן צוריק צו זייערע באזעס. אזוי האב איך געזען, ווי אויף לעטנע טאס-ביים נייעם געריכט-בנין-האט א פוילישער זעניט-הארמאט אראפ-געשאסן א דייטשן שווערן באמבארדיר-אעראפלאן.

שבת, דעם 16-טן, האט זיך אין <u>ווארשע</u> פארשפריטנא קלאנג, וועלכער איז באשטעטיקט געווארן דורך אן אפיציעלער מעלדונג אין אלע צייטונגען, אז דאס פוילישע מיליטער האט צוריק פארנומען <u>לאדזש</u>, און אז די איינוווינער פון <u>לאדזש</u> און <u>לאדזשער</u> אומגעגנט קענען זיך אומקערן צו זיך אהיים. א וועג דורך וואנעט מען זאל גיין, איז נישט אנגעגעבן געווארן. די קאמענדאנטור פון פארט-שטיקן <u>ווארשע</u> האט ארויסגעגעבן געדרוקטע דורכגאנגס-דערלויבענישן (פּזשעפּוסטקי) אין וועלכע ס'איז געזאגט געווארן:

דערמיט ווערט דער געגעבענער פּערזאן דערלויבט ארויסצוגיין
פון ווארשע און אוועק אין איר וווין-ארט (אנגעגעבן דאס ארט)
אין לאדזשער קרייז.

די "פּזשעפּוסטקעס" פלעגן זיין אונטערגעשריבן דורך דעם שטאט-פרעזידענט

<u>סטאזשינסקי</u>.

אין האב אויך אזא דערלויבעניש באקומען, זונטאג, דעם 17-טן אהיים-צוגיין, ארויסגענומען דאס דערלויבעניש האב איך אויפן טעאטער-פלאץ אין מאגיס-טראט. דער מאגיסטראט איז גראד דעמאלט באמבארדירט געווארן.

ארויס פון <u>ווארשע</u> בין איך דורך פראנטשישקאנער גאס, באניפראטן-גאס און נאכדעם פארביי דער ציטאדעל. דארט זענען געשטאנען עטלעכע צענטליק ווערע הארמאטן און מיליטער, געהיט <u>ווארשע</u>. קיינער פון די פוילישע זעלנער האט מך מיך נישט פארהאלטן. פארביי <u>זשאליבאזש</u> בין איך אריין אין דער <u>קאמפינאָווער</u> <u>פושטשע</u>. צוזאמען זענען מיר געגאנגען 18 יידן (די איבעריקע 8 זענען געווען <u>פאביאניצער און 9 לאדזשער</u>) און 138 קריסטן, אלץ פון <u>לאדזש</u> און אומגעגנט. פון די 156 איז אין וועג ביי א העלפט אומגעקומען (קיין איין ייד פון די 18 איז נישט געפאלן).

אויפן וועג האבן מיר כסדר געמוזט זיך ווארפן אויף דער ערד, ווייל מיר זענען אריינגעפאלן אין טעטיקייטס-געביט פון דער דייטשער ארטילעריע און ארעאפלאנען. דייטשע אעראפלאנען זענען געפלויגן גאר נידעריק. [illegible]

<u>פראטאקאל נומער 79, זײט 6</u>

~~[illegible]~~ .דײטשע אעראפלאנען זענען געפלויגן גאר נידעריק.פון אײן אעראפלאן האט דער פליער אויסגעשריגן:"די ציוויל-באפעלקערונג קאן מאכען,דאס זי פארט אהײם קאמט,איר דארפט ניכט פורכטען,וויר בעשיסן די פאלנישע שווײנע".טעלעכע הונ-דערט מעטער פון דעם ארט האבן מיר אנגעטראפן אויף א פולק פויליש מיליטער, וואס האט געהאלטן דײטשע געפאנגענע בײ זיך אין לאגער.די פוילישע זעלנער האבן אונז אװעקגעגעבן דאס עסן,וואס זײ האבן צוגענומען בײ די דײטשן(דאס פוילישע מיליטער אין דעם ארט האט אנגעגריפן אויף א דײטשער אפטײלונג).

דאס פוילישע מיליטער האט אונז געהאלטן א 2 שעה און אונז אפגעלאזן.

נאכן אפרוען זיך אביסל זענען מיר װײטער געגאנגען.מיר זענען אפגעגאנגען בײ א 300 מעטער,האט אונז א דײטשער לופט-פליער(מיט אן אעראפלאן)און א זאק באמבעס)פארהאלטן און געבעטן אפפוצן די מאשין און אנלאדן די באמבעס.מיר האבן אנגעלאדן 3 באמבעס.ער האט אונז פאר דעם באצאלט מיט עסן און 2 מארק.

דעם זעלבן טאג האב אין און נאך דרײ קריסטן זיך אפגעטײלט פון דעם איבעריקן עולם און אװעק באזונדער.

זײענדיק פארמאטערט,זענען מיר ארײן אין א פויעריש הויז,וואס איז געשטאנען אין וואלד.מיר האבן זיך דערוווסט,אז די דײטשן האבן נעכטן פארנומען דאס ארט.

אין דער צײט האבן מיר זיך געטראפן מיט א צװײטער גרופע ײדן,21 מאן.

דעם ערשטן דײטשן פאסטול וואס מיר האבן געטראפן,איז געוועזן אן אפיציר, א לײטענאנט.ער האט בײ אונז געפרעגט,צי מיר זענען ײדן,און ווער פון אונז פארשטײט דײטש.האב אין זיך אפגערופן,אז איך פארשטײ דײטש.געענטפערט האבן אלע,אז זײ זענען ײדן,אויך די קריסטן האבן געזאגט:"יודע".די הערצער זענען בײ אונז ~~[illegible]~~ אנפגעפאלן פאר שרעק,װײל דאס פארהאלטן אונז איז פארגעקומען הארט בײם פראנט.דער לײטענאנט האט אונז געפרעגט,פון וואנען מיר גײען.איך האב געענטפערט:פון <u>ווארשע</u>.ער האט אונז װײטער געפרעגט פארוואס האט אונז דאס פוילישע מיליטער ניט פארהאלטן,און וואס פאר א דערלויבעניש מיר האבן.מר מיר האבן אים געוויזן די "פאספאספעקעס".היות ער האט עס ניט געקענט איבער-לײענען,האב איך אים פארטײטשט אויף דײטש.דאן האט ער זיך אפגערופן:"די פאל-נישע שווײנען וואלן נאך לאדז האבן?זי דירפן מער ניכט ~~לאדז~~ / לאדז האבן"!.נאכדעם האט ער געפרעגט,צי מיר זענען הונגעריק.מיר האבן געענטפערט,אז יא,אז א גאנצן טאג האבן מיר ניט געגעסן.האט ער אונז געגעבן קאלטע צעריבענע אפגעקאכטע קארטאפל און אונז געהײסן גײן שלאפן,װײל בײנאכט איז פארבאטן צו גײן.

מיר האבן גראד ארײנגעטראפן אין א שלעכט דארף,<u>קאמפינאווע</u>.מ׳האט אונז דארט ניט געגעבן קײן עסן און טרינקען,אפילו פאר געלט ניט.מ׳האט

אויף אונז אנגעריכט בייזע הינט און פשוט געטריבן פון דארף.

ערשט צום סוף דארף זענען מיר אריין צו א פויער, זיך געבעטן ער זאל אונז דערלויבן איבערצונעכטיקן. דער פויער האט געטענהט, אז ער האט נישט ווו, אז מען שלאפט שוין ביי אים. מיר זענען אבער דארט פארבליבן. ס'האט זיך, אגב, ארויסגעוויזן, אז ביי אים שלאפן שוין טאקע אין שייער עטלעכע צענטליק ייִדן פון לאדזשער געגנט. מיר זענען אלזא שוין געווען עטלעכע פופציק ייִדן, אלץ א יונגערער עולם.

נישט קענעדיק איינשלאפן סיי פון הונגער, סיי פון קעלט - זענען מיר געלעגן וואך און איינער מיטן צווייטן זיך געטיילט מיט די איבערלעבענישן.

4 פארטאג, מאנטאג, דעם 18-טן סעפטעמבער, זענען מיר אלע צוזאמען ארויס פון פויערס שייער. ארויסגייענדיק אויפן וועג, האבן מיר באלד ביים טויער באגעגנט א דייטשן טאנק. ער האט זיך אפגעשטעלט, פון אים איז ארויס א דייטש, און געשמועסט מיט אונז אין גוטן מוט, געזאגט, אז זיי, די דייטשן, וועלן די וועלט באזיגן, און די ייִדן וועט מען אויסקוילענען (ער האט געוווסט, אז מיר זענען ייִדן) נאכדעם האט ער אונז אלעמען פאפיראסן געגעבן און געוויזן דעם וועג צום סאכאטשעווער שאסיי.

נאך א 2 שעה גיין דורכן וואלד זענען מיר אנגעקומען אויפן שאסיי. מיר זענען אוועק אין דער ריכטונג פון סאכאטשעוו. דארט האב איך געטראפן די איבעריקע 17 ייִדן, מיט וועלכע כ'בין ארויס פון ווארשע און וועלכע כ'האב מיט א טאג פריער פארלוירן אין די קאמפינאָסער וועלדער.

אויפן וועג האבן מיר אין א דארף, 14 קילאמעטער פאר סאכאטשעוו, אנגעטראפן א ריי אויף ברויט ביי א בעקעריי. מיר האבן זיך אריינגעשטעלט אין דער ריי און באקומען יעדער פאר 25 גראשן א ראזעווע ברייטל.

ווען מיר זענען געווען אפגעגאנגען עטלעכע הונדערט מעטער פון דער בעקעריי, האט זיך אויפן וועג צו אונז נאך פארייניקט א גרופע פוילישע פון א מאן 40 און איין ייִד פון אלעקסאנדער ביי לאדזש מיט זיינעם א קליינעם ברודערל פון א יאר 10). האט אונז באגעגנט א דייטשער פאטרול פון 2 זעלנער. ער האט אפגעשטעלט די גאנצע גרופע, אויסגעשטעלט אונז אין א ריי און געהייסן די ייִדן ארויסטרעטן באזונדער. קיין שום ייִד איז נישט ארויס פון דער ריי. האט ער געזאגט, אז אלע פאליאקן זאלן גיין ווייטער, און אלע ייִדן זאלן בלייבן שטיין. זענען די ייִדן שטיין געבליבן.

ווען די גרופע פאליאקן איז אויסגעשײלט געווארן, האט דער אלעקסאנדרער ייד מיט זײן ברודערל זיך גענומען בעטן, געקושט די זעלנער אין די הענט, אז מען זאל אויך זײ אפלאזן. א דײטש פון פאטרול האט אראפגענומען די ביקס און אנגעשטעלט זײ אויפן קלײנעם יונגל. דאס יונגל האט געחלשט. מיר האבן אים אנגעהויבן צו מינטערן. דערװײל איז אנגעקומען א באפעל, אויך די פאליאקן צוריקצוקערן, ווײל דער וועג איז פארנומען, ס'קומט דארט פאר א שלאכט. ווען די דײטשע זעלנער זענען אוועק צוריקצורופן די פאליאקן, האבן מיר אויסגענוצט די געלעגנהײט, געכאפט דאס יונגל אויף די הענט און זענען אנטלאפן. מיר זענען אוועק אויפן וועג צום דארף אלעקסאנדראוועק.

אין אלעקסאנדראוועק זענען מיר אריינגעקומען ארום 11 בײטאג. מיר זענען דאן געווען א גרופע פון 18 מאן-15 ײדן און 3 קריסטן. אין דארף האבן מיר געטראפן דײטשע זעלנער. זײ האבן אונז פארהאלטן און געפרעגט, צי מיר ווילן עסן, צי מיר זענען הונגעריק. מיר האבן זיך לכתחילה געדאנקט און געענטפערט, אז מיר ווילן נישט עסן, -מיר האבן מורא געהאט: אפשר איז עס א שפיצל פון זײ, כדי אונז שלעכטס אפצוטון. הכלל, זײ האבן אונז דאך פארגעלײגט צו עסן, און מיר האבן זיך נישט געקענט אפזאגן-מיר האבן באקומען יעדער א שאכטל פיש-קאנסערוון און סוכא-רעס. זײ האבן אבער פארלאנגט, אז דאס מוזן מיר אויפן ארט אויפעסן, נישט מיטנעמען מיט זיך, זײ האבן פארגעלײגט אונז אײנצוארדענען א געמײנזאמען טיש, צו וועלכן ס'האבן זיך אויך צוגעזעצט א 10 דײטשע זעלנער (צווישן זײ אויך א פעלדפעבעל) אלע עלטערע. מיר האבן געגעסן און זײ האבן געזונגען מיליטערישע לידער. אזוי האט עס געדויערט אנדערהאלבן שעה.

נאכן עסן האט דער פעלדפעבעל אונז אלעמען פארשריבן, אויסגעפרעגט די נעמען, פארצײכנט, וווהין מיר גײען און פרײגעלאזט.

בײם געזעגענען זיך האבן די דײטשן אונז פארזאגט, אז בײם אנטרעפן דײטשע זעלנער זאלן מיר זײ באגריסן נישט מיט "הײל היטלער"!, נאר מיט "גוטמארגן", ווײל אויב ײדן באגריסן זיך מיט "הײל היטלער"! קומט טויט-שטראף.

מיר זענען אוועק מיט דער דעה צו גײן קײן ליסקעוויץ. קומענדיק צום ארט, ווו ס'פארנעמט זיך דער וועג אהין, האבן מיר אנגעטראפן א גרופע ײדן, וואס זענען געגאנגען צוריק, ווײל די דײטשן פארהאלטן די דארט דורכגײענדיקע ײדן. מיר האבן זיך דעריבער פארנומען אויף באכימאוו.

באכימאוו, א ײדישע פויערים-קאלאניע פון אפאר צענדליק משפחות, איז געווען אײנגאנצן נישטגערירט פון מלחמה-אפעראציעס. אלע ארטיקע ײדן זענען געווען אויפן

ארט. אין באלימאוו האבן מיר איבערגעלייענט א מעלדונג פון דער דייטשער "ארטס-קאמענדאנטור" (אין יידיש און פויליש), אז אלע ארבעטער דארפן זיך וואס שנעלער אומקערן צו זייערע היימען און זיך נעמען צו זייער פריערדיקער ארבעט. מיר האבן זיך טאקע ניט פארהאלטן און ווייטער מארשירט מיט דעם מיין, אנצוקומען אויף נאכט-לעגער קיין לויוויטש (פון באלימאוו קיין לויוויטש איז 17 קילאמעטער).

ווען מיר זיינען געהאט אפגעגאנגען א 12 קילאמעטער, האבן דייטשע זעלנער אונז פארהאלטן. אויף דעם פונקט זיינען שוין געווען א דריי טויזנט פארהאלטענע יי-דן, פאליאקן און דייטשן (ציווילע). דער מאטיוו איז געווען: היות עס קומען פאר מצד דער פוילישער באפעלקערונג פארשידענע דיווערסיע-אקטן לגבי דעם דייטשן מי-ליטער, מישיטס אויף דעם א.א.וו., און היות באלד דארף דא דורכגיין א גרויסע דייטשע מיליטער-אפטיילונג, פארהאלט מען אלע ציווילע לייט.

נאכן אפהאלטן אונז א שעה צייט אויף א פלאץ ביים וועג האט מען אונז אלע-מען אויסגעשטעלט, צו 3 מאן אין שורה, און אפגעפירט קיין לויוויטש.

אין לויוויטש האט מען אונז אויסגעשטעלט אינמיטן מארק. אנטקעגן איז פארפארן א דייטש-מיליטערישער אויטא, אויף וועלכן ס'זיינען געווען אויסגעשטעלט ק קוילנווארפערס. מ'האט אנגעשטעלט די קוילנווארפערס מיט די שיס-לעכער צו אונז, פארצויגן א קוילן-באנד און אנגעלאדן דאס געווער. ביי דעם האבן די זעלנער דורכ-געפירט מיט דעם שיס-לאך איבערן גאנצן עולם, ווי בעת מישיטס. דערביי איז איין לאדזשער יונגערמאן (פון בזשעזשינער גאס) געפאלן אין חלשות, געמיינט, אז מ'גייט שיסן אין המון.

ווען מיר זיינען אזוי געשטאנען, האט מען פארביי אונז אדורכגעפירט א גרויסע מחנה (עטלעכע טויזנט) פוילישע זעלנער געפאנגענע. זיי זיינען געגאנגען צופוס די דייטשע זעלנער, וואס האבן זיי באגלייט, זיינען געפארן אויף פערד.

אונז האט מען נאכדעם אוועקגעפירט אין חרובע בנינים, מ'האט אונז איינגע-ארדנט צו עטלעכע הונדערט מאן אין א זאל (ווי מיר האבן זיך נאכדעם דערוווסט, זיינען עס געווען די מאגאזינען פון דעם פוילישן 11-טן אינפאנטעריע-רעגימענט א.נ. פון מארשאל פילסודסקי). ס'איז שוין געווען אוונט-א זייגער 7, האלב 8.

מ'האט אונז איינגעטריבן אין די בנינים, ניט געגעבן גארנישט צו עסן און טרינקען, ניט קיין שטרוי, אויף וואס צו ליגן זיך. אין די זאלן איז קיין בענק אדער נארעס ניט געווען. מ'האט אונז פון דרויסן פארשלאסן, און ביי די בינינים איז געשטאנען א שטארקע וואך. דורך די פענסטער האט אונז די וואך געמאלדן, אז

ארט. אין באלימאוו האבן מיר איבערגעלייענט א מעלדונג פון דער דייטשער "ארטס-קאמענדאנטור" (אין יידיש און פויליש), אז אלע ארבעטער דארפן זיך וואס שנעלער אומקערן צו זייערע היימען און זיך נעמען צו זייער פריערדיקער ארבעט. מיר האבן זיך טאקע ניט פארהאלטן און ווייטער מארשירט מיט דעם מין, אנצוקומען אויף נאכט-לעגער קיין לוויוויטש (פון באלימאוו קיין לוויוויטש איז 17 קילאמעטער).

ווען מיר זענען געהאט אפגעגאנגען א 12 קילאמעטער, האבן דייטשע זעלנער אונז פארהאלטן. אויף דעם פונקט זענען שוין געווען א דריי טויזנט פארהאלטענע יידן, פאליאקן און דייטשן (ציווילע). דער מאטיוו איז געווען: היות עס קומען פאר מצד דער פוילישער באפעלקערונג פארשידענע דיווערסיע-אקטן לגבי דעם דייטשן מי-ליטער, מישיטס אויף דעם א.א.וו., און היות באלד דארף דא דורכגיין א גרויסע דייטשע מיליטער-אפטיילונג, פארהאלט מען אלע ציווילע לייט.

נאכן אפהאלטן אונדז א שעה צייט אויף א פלאץ ביים וועג האט מען אונדז אלע-מען אויסגעשטעלט, צו 3 מאן אין שורה, און אפגעפירט קיין לוויוויטש.

אין לוויוויטש האט מען אונדז אויסגעשטעלט אינמיטן מארק. אנטקעגן איז פארפארן א דייטש-מיליטערישער אויטא, אויף וועלכן סיזענען געווען אויסגעשטעלט קוילנווארפערס. מיהאט אנגעשטעלט די קוילנווארפערס מיט די שפיץ-לעכער צו אונדז, פארצויגן א קוילן-באנד און אנגעלאדן דאס געווער. ביי דעם האבן די זעלנער דורכ-געפירט מיט דעם שפיץ-לאך איבערן גאנצן עולם, ווי בעת מישיטס. דערביי איז איין לאדזשער יונגערמאן (פון בזשעזשינער גאס) געפאלן אין חלשות, געמיינט, אז מיגייט שיסן אין המון.

ווען מיר זענען אזוי געשטאנען, האט מען פארביי אונדז אדורכגעפירט א גרויסע מחנה (עטלעכע טויזנט) פוילישע זעלנער געפאנגענע. זיי זענען געגאנגען צופוס די דייטשע זעלנער, וואס האבן זיי באגלייט, זענען געפארן אויף פערד.

אונדז האט מען נאכדעם אוועקגעפירט אין חרובע בנינים, מיהאט אונדז איינגע-ארדנט צו עטלעכע הונדערט מאן אין א זאל (ווי מיר האבן זיך נאכדעם דערוווסט, זענען עס געווען די מאגאזינען פון דעם פוילישן 11-טן אינפאנטעריע-רעגימענט א.נ. פון מארשאל פילסודסקי). סיאיז שוין געווען אוונט-א זייגער 7, האלב 8.

מיהאט אונדז אריינגעטריבן אין די בנינים, ניט געגעבן גארניט צו עסן און טרינקען, ניט קיין משטרוי, אויף וואס צו ליגן זיך. אין די זאלן איז קיין בענק אדער נארעס ניט געווען. מיהאט אונדז פון דרויסן פארשלאסן, און ביי די בנינים איז געשטאנען א שטארקע וואך. דורך די פענסטער האט אונדז די וואך געמאלדן, אז

די מענטשלעכע באדערפעניטן דארפן מיר טון דארטן, װו מיר שלאפן.

צװישן אונז איז געװען אײנער, װאס זײנע בגדים זענען געװען פארבלוטיקט, און די דײטשן האבן אים חושד געװען, אז ער איז א דיװערסאנט (װי מענטשן האבן שפעטער איבערגעגעבן, האט זיך דאס בלוט צו אים גענומען פון דעם, װאס ער פלעגט בײ די געפאלענע פערד, רײסן שטיקער פלײש און עסן רױערהײט). מ׳האט אים ארויסגענומען אויפן הויף אויף א פארהער. מיך האט מען גענומען, אז כ׳זאל איבערזעצן, װאס מ׳פרעגט אים, און װאס ער ענטפערט. מ׳האט פון אים גארנישט געקענט ארויסבאקומען, ער פאט געטענהט, אז ער װײס גארנישט, אז ער געדענקט גארנישט. מ׳האט אים אװעקגעשטעלט בײ דער װאנט און געהײסן אויסדרײען זיך מיטן פנים צו דער װאנט, און מען האט אים דערשאסן.

אויף צומארגנס, װען מען האט דורכגעזוכט אין די קעשענעס פון דערשאסענעם, האט מען געפונען דאקומענטן אויפן נאמען פון װױטשיק מאניעק (אדער יוזעף) געשטאמט פון פאמערן, פון א דארף בײ טשעװ, לעצטנס א משוגענער, זיך אויפגעהאלטן אין א משוגעים-הויז אין װארטע. װײזט אויס אנטלאפן פון משוגעים-הויז, בעתן עװאקװאירן דעם אנשטאלט.

אויף צומארגנס זענען צו די בנינים צוגעקומען ײדישע פרויען, געבראכט א אונז עפל און בארנעס. די פאליאקן, װאס זענען געװען צוזאמען מיט אונז, האבן אבער אונז נישט צוגעלאזט צום פענסטער. כדי דאך עפעס צו קענען באקומען, פלעגן מיר א העלפט דארפן אפגעבן א קריסט.

כסדר פלעגט מען צו אונז ארײנפירן אלץ נײע און נײע פארהאלטענע. צװישן אנדערעזענען במשך פון דאזיקן טאג צוגעקומען פרישע 7 פאביאניצער ײדן. מ׳פלעגט אראפנעמען פטירים פון די פורן, לאזן די פורן אויף הפקר און די פויערים ארײנפירן צו אונז.

א גאנצן טאג האבן מיר נישט באקומען נישט קײן עסן, נישט קײן טרינקען, אויף מענטשלעכע באדערפעניטן האט מען אונז נישט ארויסגעלאזט. ערשט אין אװנט, װען אלע זענען שוין געשלאפן, האט מען אונז אויפגעװעקט: מ׳גײט געבן עסן. מ׳האט אונז געהײסן אויסשטעלן זיך אין א רײ, און יעדער האט באקומען א האלב ברײטל. מ׳האט געמאלדן, אז דאס איז אויף מארגנדיקן טאג. נאכדעם, װי דער עולם האט זיך צוריקגעלײגט, האט מען װידער אונז אויפגעװעקט: מ׳גײט װידער פראדוקטן צום עסן. דײטשע זעלנער האבן ארײנגעבראכט עטלעכע פעסלעך הערינג און געהײסן נעמען װיפיל מ׳װיל נאר. מ׳האט גענומען צו 10, צו 20, צו 30 - איך אלײן האב גענומען

פראטאקאל נומער 79, זייט 11

20 הערינג. נאכדעם ווי דער עולם האט זיך אנגעגעסן מיט יד הערינג צו גענוג, האט זיך אנגעהויבן א מוראדיק ברענעניש: א דורשט נאך וואסער. וואסער האבן מיר אבער נישט באקומען (בכלל איז איבער די שרפות געווען שווער מיט וואסער אין דער דער שטאט). מענטשן האבן פון גרויס דארשט געלעקט די פון שווייס פייכטע אייזן-קאפלעס. א גאנצע נאכט האט מען געשריגן: "וואסער!". מ׳האט געריסן די שטאכעטן, געליארעמט. ס׳איז דערגאנגען דערצו, אז די זעלנער האבן געשאסן אין דער לופטן. ערשט אויף מארגן מיטאג-צייט האט מען געבראכט עטלעכע עמער שמוציק וואסער.

נאכן וואסער האבן מיר, פון דער ארטיקער געוועזענער מיליטערישער קיך באקומען א גוטע פעטע זופ (מיט ארבעס, מייערן און אנדערע גריפס) און הערינג צו. געפעס אין וואס צו עסן האבן די דייטשן געגעבן. נאכן עסן האט מען אונז געגעבן א טערמין: אין משך פון 10 מינוט אויסוואשן די טעלער. היות דאס וואלט געווען אוממעגלעך צו מאכן אין משך פון 10 מינוט, וויל וואסער איז געווען נאר אין איין ארט, און צו וואשן איז געווען א דריי טויזנט טעלער, האבן טייל גענומען און די טעלער צעבראכן. פאר ברענגען א שמוציקן, נישט אויסגעוואשענעם טעלער האט מען
(אין צען עכן די טעלער)
געשראקן מיט שווערער ארבעט אויף א גאנצער נאכט, האט דער עולם/געפונען א מיטל פטור צו ווערן פון דעם.

אין אוונט האבן מיר באקומען 6 מאן איין ברויט און זיסע אנגעצוקערטע קאווע וויפיל איינער האט נאר געוואלט.

אויפן דריטן טאג, א זיבעטן 11 אינדערפרי, איז געקומען איין דייטשער זעלנער און געבעטן מ׳זאל צושטעלן ביז 20 מאן צו דער ארבעט, נישט פארלאנגט, אז יעדן זאלן גיין. צווישן די ארסעטירטע איז געווען א ציווילער דייטש פון פאמערן, האט ער זיך אפגערופן: "טעראז, פאנאוויע זשידקי דא ראבאטי"! מ׳ר, יידן, אין בנין זענען געווען 18 מאן-האבן זיך אליין אויסגערופן, ה/לאגט דער זעלנער האט עס נישט פארלאנגט.

גענומען האט מען אונז אויף א פלאץ און געגעבן איבערצוויקלען טעלעפאן-קאבעל פון איין ראלקע אויף א צווייטער. די זעלנער האבן געדרייט די ראלקעס און מיר האבן דערלאנגט און אויסגעגלייכט די דראט.

ביי דער ארבעט האט מען אונז געפרעגט, צי מיר ווילן עסן. און מ׳האט אונז געגעבן, יעדערן צו גרויסע שיסל ווארעם פלייש און קעקס (וויינצעגע סוכארעס). יעדער האט באקומען צו 10 שטיק סוכארעס. אלע האבן באקומען צו צוויי פעקלעך (12 שטיק, צו 6 אין א פעקעלע) פאפיראסן. די פאפיראסן זענען /געווען/ געווען פאלעסטינער-אויף די פעקלעך איז געווען מיט לאטיינישע אותיות: "יערוזאלעם" "סאלעם אליקעם". געארבעט האבן מיר ביז 6 אוונט, און מען האט אונז געהייסן קומען אויף צו מארגנס ווידער צו דער ארבעט

נאך דער ארבעט האט מען אונז אלעמען אוועקגעפירט ארומוואשן זיך, מיר האבן באקומען אוונט-ברויט (זופ און ברויט מיט קאווע) און האלב 8 אוונט האט מען אונז אריינגעפירט שלאפן. מיר האבן זיך געבעטן, אז מיר ווילן אויך צו מארגנס קומען צו דער ארבעט.

די קריסטן אין קאמער האבן אונז אויפגענומען מיט חוזק-סיהיסט, געריצט זיך: אהא, זשידקעס, איר ארבעט און מיר נישט! אבער די לאגע האט זיך תיכף געענדערט, ווען מיר האבן ארויסגענומען די פאפיראסן, וואס מיר האבן באקומען און מכבד געווען אלעמען. די קריסטן האבן אונז יענע נאכט געגעבן א באקוועמערן ארט צום שלאפן.

דעם זעלבן טאג, א שעה אומגעפער פאר אונזער צוריקקומען, איז צו די בנינים ווו מיר זענען איינגעשטאנען, צוגעפארן אן אויטא פון רויטן קרייץ און מיטגענומען מיט זיך 24 ידן צו דער ארבעט אין שפיטאל. די דאזיקע גרופע ידן האט (קיינעם) אן ערגער מזל, ווי מיר-מיהאט זיי ביי דער ארבעט געשלאגן, צעבלוטיקט, כמעט אלע זענען געקומען מיט צעשעדיקטע אברים, אונטערגעהאקטע אויגן און צעביילטע גופים.

אויף צומארגנס איז אונזער גרופע ווידעראמאל געגאנגען צו דער ארבעט און געהאט די זעלבע באדינגונגען, ווי מיט א טאג פריער. געארבעט האבן מיר ביז 12. מיר האבן באקומען מיטאג, און מיהאט אונז אפגעפירט צוריק אין די קאמערן.

נאך מיטאג דעם זעלבן טאג (דאנערשטאג, דעם 21-טן סעפטעמבער) האט מען פון די קאמערן ארויסגערופן אלע פארהאלטענע, וואס זענען פון פאמערנער געגנט (פאמאזשע), ארויס זענען נאר קריסטן, ידן זענען פון יענער געגנט נישט געווען. די ארויסגערופענע גרופע איז באשטאנען פון א 5-6 הונדערט מאן. די גרופע האט באקומען א קאלעקטיוון "באפרייונג-שיין" פאר אלעמען. פון דער דאזיקער גרופע האט א דייטשער אפיציר (זיין נאמען: פאן געדעלבערג, א קאפיטאן) ארויסגעשטעלט איינעם א פירער, וואס זאל די גרופע עקספעדירן. אנגעזאגט, ווי אזוי זיך צו האלטן אין וועג, ווי צו באגריסן די דייטשן, וואס מיוועט טרעפן א.א.וו. פראדוקטן אין וועג האט מען זיי נישט געגעבן. געהייסן גיין צופוס.

דעם זעלבן טאג שפעטער (ארום 3 האלב 4) האט מען געהייסן ארויסגיין די איינוווינער פון לאדזשער וואיעוואדשאפט. זענען ארויס די קריסטן. ווען די ידן, וואס האבן געשטאמט פון דאזיקן געגנט, האבן אויך געוואלט ארויסגיין, האבן די פאליאקן נישט געלאזט טענהנדיק, אז מיינען מיינט מען זיי, די קריסטן, און נישט די ידן. די דייטשן האבן אויף דעם נישט רעאגירט. סיהאבן זיך נאר ארויסגעכאפט עטלעכע (א 3-4) ידן. אויף ווענען דער ידישער חותם איז נישט געווען אזוי קענטיק; סירוב
11/2/1

ייִדן זענען געבליבן אין די קאמערן. אויך די דאזיקע גרופע, פון לאדזשער וואיעוואד-שאפט, איז געווארן אפגעפארטיקט, ווי די פריערדיקע, די פאמערשע.

געבליבן זענען אין די געביידעס בלויז ציווילע ייִדן און מיליטער-לייט (ייִדן און פאלאקן).

נאכדעם, ווי די 2 גרופעס קריסטן (די פאמערשע און די לאדזשער) זענען אוועק, האט מען ארויסגערופן אלע ייִדן אויפן הויף, געהייסן זיי אויסשטעלן זיך צו 3 אין א ריי. דא האט א דייטשער אפיציר געמאלדן, אז מ'דארף ריין מאכן די קיך, ברענגען אלץ אין ארדנונג, ארויסטראגן די בעטלעך און מארגן פרי, נאכדעם, ווי מיר וועלן ריין מאכן דעם איבערשטן שטאק, וועלן מיר אפגעלאזט ווערן אין די היימען. מיר האבן די ארבעט מיט פרייד אויסגעפירט.

דערווייל איז אנגעקומען א לייטענאנט מיט א פאטאגראפיר-אפאראט און געהייסן
/זיך
אלעמען אויסשטעלן אין א ריי. ווען אלע זענען געווען אויסגעשטעלט, האט ער א ארויסגענומען פון צווישן עולם א צענטליק ייִדן-"ספעציעלע טיפן" (האט טאקע געמאלדן "איך דארף די טיפישע יודען"). געווען צווישן זיי ייִדן מיט בערד, אין עלטער פון 65 – 70 יאר, ייִדן אויסגעמאטערטע, באוואקסענע און צעקאליעטשעטע פון די דייטשע קלעפ מיט א טאג פריער א.א.וו. צווישן זיי זענען געווען ווילנער ייִדן (א טאטע און א זון-דער טאטע א ייִד מיט א קאפאטע, מיט א קאפל און א סידור אונטערן ארעם, דאס יונגל פון א יאר 16, מיט א כאלאט) פאביאניצער (בער ביר-א שניידער שטאמט פון בזעזשין, וווינט אין פאביאניץ און ישראל כריסטאווסקי – א וועבער, ביידע קורץ געקליידעט, אבער שרעקלעך אויסגעזען פון פארמאטערניש און די קלעפ). מ'האט זיי פא-טאגראפירט, און נאכדעם האט מען אלעמען געשיקט שלאפן.

די דאזיקע נאכט זענען מיר געשלאפן נישט אין דער זעלבער קאמער, ווי די פריערדיקע נעכט. יענע קאמערן זענען באשטימט געווארן פאר פוילישע געפאנגענע זעלנער.

אין דער נאכט זענען מיר כמעט ווי נישט געשלאפן. אין די צימערן זענען געלעגן די פעקלעך ציוויל-קליידונג, וואס די פוילישע זעלנער האבן דא איבערגעלאזט ביים אנקומען אין מיליטער און באקומען מיליטערישע מלבושים. אין א קעגנאיבערדיקער קאמער איז געזעסן א גרופע ייִדישע זעלנער פון דער פוילישער ארמיי. האבן זיי זיך אנגעהויבן צו בעטן, מ'זאל זיי באזארגן ציוויל-קליידונג. מיר האבן זיי טאקע מיט קליידונג באזארגט, ס'האט נישט געדויערט א האלבע שעה און זיי זענען שוין ווי "ציווילע" געווען ביי אונז אין קאמער.

7 אזייגער אינדערפרי, פרייטאג דעם 22-טן סעפטעמבער (ערב יום-כיפור) האט

מען אונז ארויסגערופן פון דעם צימער און געהייסן פארענדיקן די ארבעט, וואס מיר האבן נעכטן נישט באוויזן. פון צייט צו צייט פלעגט מען אונז צוגעבן אלץ נייע ארבעטן און כסדר געזאגט, אז אט-באלד וועלן מיר באפרייט ווערן. מיר זענען געגאנגען אין פעלד קארטאפל גראבן און מייערן רייסן.

אזוי האט עס געדויערט ביז 4 פארנאכט. עסן האבן מיר א גאנצן טאג נישט באקומען. ערשט נאך דער ארבעט האבן מיר באקומען דעם מיטאג מיטן אוונט-ברויט צוזאמען, און מיר זענען ווידער פארבליבן אויף דער נאכט.

א גרופע פון א מאן 20 איז גענומען געווארן ביינאכט צו דער ארבעט אין שפיטאל. מ'האט זיי דארט מערדערלעך געשלאגן, דערביי איז איינעם א לאדזשער נישט גוט געווארן. איז ארויס א באפעל-פאר פייניקן בעת דער ארבעט דראט טויט-שטראף. ס'האט זיך טאקע צו דער גרופע געענדערט די באציונג צום גוטן. נאך דער ארבעט האבן די לייט באקומען פיין צו עסן.

שבת, דעם 23-טן סעפטעמבער אינדערפרי (יום-כיפור) איז געקומען אן אויטא פון רויטן קרייץ און מיטגענומען מיט זיך 10 ייִדן צו דער ארבעט אין שפיטאל. אין א ~~ש~~ שעה ~~שפ~~ שפעטער איז ווידער געקומען דאס אויטא פון רויטן קרייץ, אז מ'דארף נאך 15 מאן. צווישן די 15 מאן בין איך אויך געווען.

בשעת מיר האבן דארט געארבעט, זענען געקומען פון לויוויטש ייִדישע פרויען וועמעס מענער מ'האט אין שטאט געכאפט צו דער ארבעט, און דערציילט, אז אלע פארהאטענע ייִדן זענען באפרייט געווארן.

דערווייל האב איך באקומען א באפעל צו גיין נאך וואסער. ווען כ'בין מיטן עמער דורך דעם פאסט, האב איך באמערקט א ברעטל מיט אן אויפשריפט: „(60) קילאמעטער ביז לאדזש". האב איך דעם עמער אוועקגעשטעלט און געמאכט ויברח.

נאכן אפגיין 7 קילאמעטער (אויפן וועג צו גלאוונע) האב איך באגעגנט עטלעכע פוילישע באקאנטע פון פאביאניץ; זיי האבן מיר געגעבן ברויט, עפעס געלט, און איינער פון זיי-א שניידער-האט מיר פארריכט ס'פאלטן. זיי האבן מיר אויך אנגעוויזן א פויער, צו וועמען כ'קאן ארײַנגיין איבערנעכטיקן. דער פויער האט מיך אײַנקווארטירט אין א שייער.

3 ביינאכט האב איך מיך אויפגעהויבן און זיך געלאזט אין וועג אריין. ערשט נאך עטלעכע שעה גיין האב איך אנגעטראפן די גרופע ייִדן, וואס זענען באפרייט געווארן אין לויוויטש שבת אינדערפרי. זיי האבן מיך צו זייער קאמפאניע נישט צוגעלאזט, ווייל זיי האבן מורא געהאט, זיי זאלן נלשט האבן קיין אומאנגענעמלעכקייטן צוליב

דעם, וואס איך האב ניט קיין באפרייונג-שיין.

7 אינדערפרי, זונטאג, דעם 24-טן, בין איך אריין קיין גלאווענע. דער גאנצער וועג איז געווען פארשאטן מיט צעבראכענע וועגענער, אויטא, פריוואטע און מיליטערישע, געפעק, וואליזעס, בעטלעך, פוטערס, פאלטאנס און אנדערע מלבושים. אויך הרוגים און דערהרגעטע פערד איז געווען א סך.

אין גלאווענע האב איך מיך ניט פארהאלטן. דאס לעבן האט דארט אויסגעזען נארמאל, די שטאט-ניט שטארק באשעדיקט.

א קילאמעטער נאך גלאווענע האב איך באמערקט א פאביאניצער פארן אויף א פורל. ער האט מיך גערופן, ארויפגענומען אויף דער פור, מיט וועלכער כ'בין מיטגעפארן ביז סטריקאווע.

אין סטריקאווע האב איך געפרישטיקט. קיין ספעציעלע באשעדיקונגען דארט ניט באמערקט.

דער פאביאניצער מיטן פורל איז געבליבן רוען אין סטריקאווע. היות כ'האב מיך געאײַלט אהיים, בין איך אוועק צופוס.

9 קילאמעטער פאר לאדזש האב איך געטראפן א לאדזשער דראזשקאזש, וועלכער האט געפירט 3 קריסטן. כ'האב דעם דראזשקער געגעבן א פעקל דייטשע פאפיראסן, און ער האט מיך מיטגענומען ביז לאדזש, וואוהין כ'בין אנגעקומען האלב 11 אינדערפרי.

ווען כ'בין אראפ פון דער דראזשקע, האבן מיך יידישע פרויען געווארנט, כ'זאל מיך שנעל אויסבאהאלטן, ווייל מ'כאפט יידן צו דער ארבעט. כ'בין גלייך ארויף אויף דעם טראמוויי נומער 1, וואס פארט דורך די גאסן בזשעזשינער, פארביאניצער, קי-לינסקי-גאס, נאפיורקאווסקי-גאס - צו גייערס מארק. דארט בין איך איבערגעשטיגן אין פאביאניצער טראמוויי (פון לסד.ע.ק.ד.) און אהיימגעפארן קיין פאביאניץ. 1 מיטאג בין איך געקומען אין שטוב אריין.

אין פאביאניץ בין איך פארבליבן פון זונטאג דעם 24-טן סעפטעמבער ביז דאנערשטאג דעם 23-טן נאוועמבער 1939.

דעם זעלבן טאג האב איך זיך געטראפן מיט באקאנטע, וועלכע האבן מיר דערציילט וועגן די דייטשע טועכצן אין פאביאניץ. מ'האט מיך אויך געווארנט, כ'זאל זיך ניט דרייען אין גאס, ווייל די דייטשן כאפן אויף ארבעטס

ווי מ'האט מיר דערציילט, האבן די דייטשן אין ערשטן טאג ראש-השנה, ארויסגענומען אלע יידן פון די הייזער, געהייסן זיי פארשיטן די אויז-גרובנס, וואס מ'האט געגראבן פאר דער צייט פון די פאליאקן. מיט וואס צו ארבעטן האט מען ניט געגעבן.

ס׳איז געווען א שטארק רעגנדיקער טאג, און די ײדן זענען געווארן געצווונגען צו גראבלען מיט די בלויזע הענט אין בלאטע.

פון דער גרויסער מאסע ײדן האט מען ארויסגענומען צען ײדן, מ׳האט זײ אויסגעשטעלט בײ דער וואנט פון דער קאפליצע (אויף דער קאפלישנער גאס) און נאך דעם זײ געהײסן לויפן ברענגען דעם רב פון שטאט-זיסט, וועלן זײ דערשאסן ווערן. זענען זײ געלאפן און געבראכט דעם מורה-הוראה ר׳ הערשל לעבענהאף. האבן די דײטשן דעם מורה-הוראה שרעקלעך געפײניקט: ראשית, ארײנגעווארפן אים אין א גרוב פול מיט וואסער און געהײסן די ײדן, וואס האבן געארבעט, אז מ׳זאל אים באשיטן מיט זאמד. ווען ער איז ביז דער העלפט געווען פארשאטן, האבן זיך די מענטשן געבעטן, מ׳זאל אים לאזן ארויסנעמען, איז געקומען אן עסעסער: ארויסגראבן אים ניט, זאל ער אלײן ארויסקריכן. מיט מי און מאטערניש האט זיך דער מורה-הוראה אויפגעגראבן. נאכדעם, ווי ער איז ארויס, האבן די דײטשן אים געשלאגן און געפײניקט, די בארד אים אפגעשוירן.

די ארטיקע ציווילע דײטשן זענען געווען די וועג-פירער און אנווײזער פאר די דײטשע מיליטער-לײט. זײ פלעגן העלפן כאפן אויף ארבעט, זײ פלעגן פירן די דײטשן אנווײזן, ווער ס׳זענען ײדן, ווו זײ וווינען, ווער ס׳איז רײך א.א.וו. ספעציעל אויסגעצײכנט זיך אין רשעות האבן די ארטיקע דײטשן:

1) פרײער - געווען א וועבער אין דער טעקסטיל-פאבריק פון ײד אלחנן הײדאב. דער זעלבער פרײער האט ראש-השנה געכאפט צו דער ארבעט דעם אײגנטימער פון דער פאבריק, בײ וועמען ער האט געארבעט מיט זײנע 3 זין (אײנער מיטעק - א אינזשיניער, און נאך 2 - א דאקטאר און אן אדוואקאט;

2) קורצמאנאווסקי - א וועבער-מײסטער אין דער טעקסטיל-פאבריק פון ײד מוטקע צאצא (אויף קאנסטאנטינער גאס);

3) פראנק - געהאט אײגענע וועבע-שטולן, פלעגט אויסארבעטן סחורה פאר דעם ײדישן פאבריקאנט פײוול בער און זון;

4) קרושעל - א מײסטער אין דער ײדישער טעקסטיל-פירמע "פעטערס" - מאריאנסקע גאס 5-7.

5) באציונג פון די אקופאנטן צו די ײדן איז געווען זײער א פײנטלעכע. אין פיל ײדישע פירמעס, די גרעסטע, זענען ארײנגעזעצט געווארן קאמיסארן. די קאמיסארן זענען געווען ארטיקע דײטשן. אזוי למשל האט מען אין דער ײדישער טעקסטיל-פאבריק פון פײוול בער ארײנגעזעצט א קאמיסאר דעם ארטיקן דײטש קוואסט (אן אינקאסענט אין דער דײטשער פארבערײ "דאבזשענקא"; אין דער ײדישער מאנופאקטור-פירמע פון יעקב

פאזנאנסקי איז אריינגעזעצט געווארן דעם פריער דערמאנטן קוואסס א ברודער; אויך אין דער מאנופאקטור-פירמע פון פרוי ר. שטאקאווסקי איז אריינגעזעצט געווארן דער דייטש היניק (געוועזן פריער בוכאלטער אין דער דאזיקער פירמע).

מ'האט זייער פיל יידישע געשעפטן אויסגערויבט. מיר זענען באוווסט די פירמעס: הערמאן גרינשטיין (פיאטר סקארגא גאס 33, געוועזענע טושנער גאס), משה פוקאטש און אלטער גרינשטיין (קאסטשיעלנע גאס 9) און אנדערע. די סחורות פלעגן אויף אויטאס געלאדן און אפגעשיקט ווערן אין אן אומבאשטימטער ריכטונג.

אין דער מאנופאקטור-פירמע פון לייבוש ציעכאנאווסק און קויפמאן יעלינע-וויטש איז אריינגעקומען א פוילישע פרוי עפעס קויפן און נישט אדורכגעקומען מיטן פרייז. זי איז דאן ארויס, אריינגערופן דייטשע זשאנדארמען און זיי דערציילט, אז די יידן האבן זיך אפגעזאגט צו פארקויפן סחורה, ווייל די רוסן קומען באלד אריין. די דייטשן האבן אויסגעשאסן אין שטוב עטלעכע מאל אין דער לופטן און ארעסטירט לייבוש ציעכאנאווסקין און זיין זון שעיה. מ'האט זיי אפגעפירט אין ארעסט. מ'האט זיי דארט שטארק געשלאגן. נאך 2 טעג זיצן האט מען דעם אלטן ציעכאנאווסקין אוועקגעפירט אין א האפנונגסלאזן צושטאנד אין שפיטאל אריין.

דעם 15-טן נאוועמבער זענען אין די גאסן פאנאנדערגעקלעפט געווארן מעל-דונגען פון דער יידישער קהלה אין דער דייטשער שפראך מיט אזא אינהאלט: דער קאלישער לאנד-ראט האט ארויסגעגעבן א פאראָרדנונג, אז יעדן מוזן טראגן די יידישע געלע אפ-צייכנונג אויף דער רעכטער האנט-10 צענטימעטער ברייט. יידן איז דערלויבט צו זיין אויף דער גאס פון 8 פרי ביז 5 פארנאכט; נאך 5 איז די יידן, וואס וווינען אין זעלבן הויז, פארבאטן אריינצוגיין צו שכנים-מ'מוז זיצן אין דער אייגענער שטוב; ווע-מען מען וועט טרעפן אין פרעמדע הייזער, דער וועט דערשאסן ווערן.

שבת, דעם 18-טן נאוועמבער, אין ערשטן טאג פון טראגן די געלע לאטעס, האט מען גלייך פון אינדערפרי אן גענעמען זייער פיל יידן אין די גאסן-מער ווי גע-ווינלעך. ס'איז געווען א מין דעמאנסטראציע: זעט, מיר שעמען זיך נישט, וואס מיר זענען יידן.

אין דעם טאג, שבת, 9 אינדערפרי, האט מען אין דער חורבה פון דער אלט-שטאטישער שול (אויף שול-גאס 4) געפונען א טויטן ציווילן דייטש. אין שטאט איז ארויסגעבראכן א מהומה, מ'האט געמיינט, אז מ'וועט איצט זיך אפרעכענען מיט די יידן. די יידן האבן דעם טויטן ארויסגענומען און אפגעטראגן אין שפיטאל. דארט איז פעסט-געשטעלט געווארן, אז ער האט זיך פארסמט מיט ברען-שפירט. מ'האט ביים מת אין די

מלבושים געפונען א נישט-דערטרונקענע פלאש ספירט. די ייִדן האבן פריער אפגעטאמט.

פארשטייער פון דער יידישער געזעלשאפט לגבי דער דייטשער מאכט איז געווען די דורך די דייטשן נאמינירטע יידישע קהלה-פארוואלטונג. די באשטימטע זענען געווען: אדוואקאט שאפירא, אדוואקאט יצחק אלטער, אפליקאנט לאלעק אורבאך, שמעלקע שטיינהארן (סוחר), וואקף וועקינאוויטש (געוועזענער עקספידענט פון דער פירמע קרושע-ענדע) און קאפלאן. זיי פלעגן דארפן אלעמאאג צושטעלן פופציק יידן צו דער ארבעט. ווען ס'פלעגט צופעלן מענטשן צו דער צאל, פלעגט מען נעמען די דאזיקע ראטמענער אליין. זיי פלעגן אויך אינטערווענירן בײַ דער מאכט קעגן פארשידענע גזירות.

די דייטשן האבן געענדערט די נעמען פון א ריי גאסן: די קאשטשיעלנע האבן זיי א נאמען געגעבן קירכען-שטראסע; קאפליטשנע - קאפעלן-שטראסע, די פילסודסקי-גאס האבן זיי אנגערופן אדאלף היטלער-גאס. דעם נאמען פון דער שטאט גופא האבן די דייטשן געענדערט פון פאביאניץ אויף בורגשטאדט (דארט איז פאראן דער שלאס פון דער קיניגין יאגעללא און יאדוויגא).

פאר מיין ארויספארן פון פאביאניץ זענען דייטשע זשאנדארמען געגאנגען איבער יידישע הייזער און אויפגענומען די צאל איינוווינער. ס'האט זיך דערימער פארשפרייט א קלאנג, אז מ'וועט ארויסשיקן די יידן פון שטאט. ס'איז דעריבער אוועק א דעלעגאציע פון יידן (שיעה אלטער, שמעלקע שטיינהארן, און אדוואקאט שאפירא) אפצושטייען די גזירה. זיי האבן אויסגעפועלט, אז די יידן וועלן קענען בלייבן, אויב זיי וועלן איינצאלן א קאנטריבוציע פון 300 טויזנט זלאטעס. דערבײַ איז אויסגעטייטש געווארן א טייל פון שטאט, ווו ס'האבן געוווינט יידן, -פון ווארשעווער גאס 25 ביז 4[illegible] און פון שול-גאס 2 ביז 14- און ס'איז געמאלדן געווארן, אז ווייטער וועלן דארט יידן נישט טארן וווינען. דעם טייל האט מען רעזערווירט פאר די דייטשן פון די באלטישע לענדער.

אין זעלבן טאג פון מיין ארויספאר האבן זיך די יידן פון די דאזיקע גאסן ארויסגעצויגן. איך פערזענלעך האב געהאלפן מיינעם א קרוב זיך איבערצוציען פון ווארשעווער גאס נומער 37 אויף קאפליטשנע גאס 9.

ארויסגעפארן פון פאביאניץ בין איך דאנערשטאג, דעם 23-טן נאוועמבער.

געפארן בין איך מיטן טראמוויי קיין לאדזש. אויפן וואקזאל אין לאדזש האט מען יידן נישט פארקויפט קיין בילעטן. בין איך אוועקגעפארן מיט א פור קיין סטרי-קעווע. היינטער לאדזש האב איך אויסגעטון די געלע לאטע-דארט האט מען טוין זי

פראטאקאל נומער 79, זייט 19

ניט געדארפט טראגן. אין סטריקעווע האבן די דייטשן אונז (7 ידן) אויסגעטון נאקעט און רעווידירט. מ'האט ביי אונז גאר נישט צוגענומען. מיר האבן באקומען באנקביליעטן ביז וואַרשע.

דער צוג האט זיך זייער לאנגזאם געצויגן. ארויסגעפארן זענען מיר פון סטריקעווע 9 פארנאכט און אנגעקומען 3 בייטאג קיין לוקוויטש. אין לוקוויטש האט מען אונז ארויסגעזעצט פון באן און אריינגעזעצט אין א בנין. דארט האט מען אונז געהאלטן ביז 2 נאכמיטאג. דאן זענען מיר געפארן ווייטער ביז וואַרשע.

פון וואַרשע ביז מאלקין זענען מיר געפארן קיין מאלקין. מיטן צוג זענען געפארן א 5 טויזנט ידן, אלץ צו דער רוסישער גרענעץ. אין מאלקין האט מען אלע ידן געהייסן ארויסגיין, געטריבן און געיאגט, אריינגעשפארט אין א הויף ביי א הילצערנעם פארקן. פון דרוק פון דער מענטשן-מאסע האט זיך דער פארקאן איינגעבראכן. דאן האבן די דייטשן גענומען שלאגן די ידן מכות-רצח און געהייסן אין 10 מינוט אויפשטעלן צוריק דעם פארקאן.

מ'האט נאכדעם אלעמען געפירט צו דער גרענעץ. מענער באזונדער אין א גרופע און די פרויען באזונדער. פאר דער גרענעץ האט מען אונז פארפירט אין א הויף און דארט אלע מענער געהייסן אויפהויבן די הענט. מ'האט אונז אין אזא פאזע פאטאגראפירט. נאכדעם האט מען אלעמען געפירט צו א רעוויזיע-צו 10 מאן פאר איין מאל. פון דעם הויז, וווּ מ'האט אריינגעפירט צו רעווידירן, האט זיך געטראגן א מוראדיק געשריי. דארט האט מען די ידן געהייסן זיך אויסטון ביז נאקעט, מ'האט געזוכט באהאלטן געלט, צירונג וכדומה. די פרויען זענען דערביי נישט געווען. מיר האבן זיי געטראפן אויף דער צווייטער זייט. די פרויען האבן דערציילט, אז אויך זיי האבן געהאט א שרעקלעכע רעוויזיע-מ'האט ביי די פרויען געזוכט אפילו אין די געשלעכט-ארגאנען.

ביי דער גרענעץ האבן מיר געטראפן זייער פיל ידן ליגן דארט שוין צו 5-6 טאג. ס'איז געווען זייער שווער אדורכצוגיין, די סאוויעטן האבן נישט דערלויבט אריבערצוגיין די גרענעץ. לסוף איז דאך געלונגען די גרענעץ אדורך, און נאכדעם דורך ביאליסטאק זענען מיר געקומען קיין.....איקס

אונטערגעשריבן: חיים לייב ר.